HARVARD COLLEGE
SEP 5 1934
LIBRARY
Dr. A. A. Roback, Cambridge
JP 2601.44

L E E D

# ליד

פערטליאריקע שריפט פאר ליד און איבער ליד
יחזקאל א. מ. בראַנשטיין
רעדאַקטאָר
צווייטער יאָרגאַנג, נומער 2. לאָס אַנדזשעלעס. אויגוסט, 1934

## חיים נחמן ביאַליק
**1873 — 1934**

חיים נחמן ביאַליק, דער דיכטער וואָס איז לויט זיינע אייגענע ווערטער געווען „פון גאָט געשיקט" — איז געווען און פארבליבן, דאָס ווידערקול פון אונדזערע נביאים.

מיט דעם כח פון זיין וואָרט האָט ער זיך אריינגעביסן אין דער מאַרטירער־געשיכטע פון אונזער פאָלק; מיט פייערדיקע אותיות זיין נאָמען דאָרט פארשריבן.

חיים נחמן ביאַליק וואָס האָט דער עיקרשט געשאַפן אויף העברייאיש, האָט אויך געהאַט אן איינפלוס אויף אונדזער דיכטונג אויף יידיש.

דער ביאַליק שבעל פה איז נישט אן ערך קלענער פון דעם ביאַליק שבכתב. און די וואָס האָבן אים געקאָנט באַם לעבן, וועלן זיך נאָך לאַנג נערן מיט זיין תורה שבעל פה; זיין פשוטע פאָלקסטימלאכקייט וואָס האָט אים באַלייט ביז אין קבר.

זיין פאָלקסטימלאכקייט האָט אויך גורם געווען דערצו, וואָס ער — דער מלך שבמלכים צווישן אונדזערע מאַרטאלן, די דיכטער אונדזערע — האָט זיך טיילווייז אויסגעלעבט אויף יידיש, אין „זיין" אייגענעם העבראַאיסטישן תל אביב, אויף אן אוממיטלבאַרן אופן.

ביאַליק וואָס איז אין לעבן געווען אַ געשעפטסמאַן און זיך אָפט אליין פארגליכן צו אַ „חוטב עצים", האָט דורך דער פארמיטלונג פון זיין דיכטונג פארבונדן אונדזער נעכטן מיט דעם מאָרגן און אליין פארבליבן די בריק — דער סינטעז — פון זיין דור און אנדערער רענעסאַנס.

ביאַליקס דיכטערישע פערזענלאכקייט וועט פארבלייבן דער שטאָלץ און דער נצחון איבער דעם מענטש ביאַליק, וואָס אז אַוועק אַהין וואוהין אלע מוזן גיין...

# „פראָווינץ-שריפטען"

## צו די אידישע שריפטשטעלער פון דער אַמעריקאַנער פראָווינץ און קאַנאַדע

חשוב'ע חברים!

די אידישע ליטעראַטור וואָס האָט זיך די לעצטע יאָרן צעבליט און צעצווייגט איבער אַלע קאָנטינענטן, האָט אויך באַקומען אַ תיקון אויף דער אַמעריקאַניש-אידישער פראָווינץ און קאַנאַדע, דורך דער פרעסע, צייטשריפטן און ביכער.

ניו יאָרק, דער צענטער — באַציט זיך צו אונדז מיט גרינגשעצונג; ליטעראַטור ארבעטן וואָס וואַרצלען און קומען פון אונדזער פראָווינץ, ווערן קיינמאָל נישט אָפגעשאַצט ווי עס געהער צו זיין. (פון קיין אויסנאַמען רעדט מען ניט).

איך האַלט, אז מיר, די שעפערישע כחות פון דער אַמעריקאַניש-אידישער פראָווינץ — זיינען שוין לאַנג ראוי צו שטיין — ליטעראַריש קינסטלעריש — אויף די אייגענע פיס. מיר האָבן שוין לאַנג צוריק געמעגט אריבערגיין אויף אייגענע קעסט; ד. ה., זיך פאַראייניקן אונטער איין פאָן — ווי די „יונגע" אין זייער צייט — און אויף אַ געמיינשאַפטלאַכן אופן זאָגן אונדזער וואָרט.

ארויסגייענדיק פון אָט דעם שטאַנדפונקט, האָב איך אויף זיך גענומען די איניציאַטיווע, ארויסצוגיבן דעם ערשטן באַנד „פראָווינץ-שריפטן", וואָס זאָל ארום זיך, אויב מעגלאך — פאַראייניקן אלע צעשפליטערטע און צעוואָרפענע ליטעראַטור-כחות אונזערע, פון דער גאַרער אַמעריקאַנישער פראָווינץ און קאַנאַדע.

מיר פארמאָגן גענוג קינסטלערישע כחות אַזעלכע „פראָווינץ שריפטן" אויסצופילן, און דערמיט צוטראָגן אונדזער צושטייער צו דעם אינהאַלטסרייכן בנין פון אונדזער ליטעראַטור.

די דערמאַנטע „פראָווינץ-שריפטן" דאַרפן אין דער ערשטער ריי אָפשפיגלען אונדזער אייגן לעבן, קינסטלעריש און קולטורעל.

אונדזער סלאָגאַן וואָלט געדאַרפט זיין: מיט דעם פנים צו אונדזער לאַנד!

מיט אביסעל אנשטרענגונג און קאָאָפּעראַציע מצד די אנטיילנעמער פון די פארשידענע שטעט, וואָלט מען אפילו לייכט געקאָנט בייקומען אלע פינאַנציעלע שוועריגקייטן.

איך לאַד דעריבער איין יעדן שריפטשטעלער פון אונזער פראָווינץ און קאַנאַדע, זיך צו שטעלן מיט מיר אין פארבינדונג, צושיקן מאַנוסקריפטן פאר דעם ערשטן באַנד „פראָווינץ-שריפטן" וואָס וועט זיכער דערשיינען, אויב עס וועט נאַטירליך ארויסגעוויזן ווערן די געהעריקע קאָאָפּעראַציע מצד די פארשידענע [illegible] שטעט — אזוי גיך ווי עס וועט זיך אנקלייבן דער נויטיקער אָפקלייב פון צופרידנשטעלנדיקע ווערק.

מיט גרוס און דרך ארץ,
פאר דעם דערפאָלג פון די „פראָווינץ-שריפטן"
יחזקאל א. מ. בראַנשטיין

2710 Winter Street,
Los Angeles, Calif.

פ. ס. — יעדער איינער ווערט געבעטן, זיך צו נישט-פארגעסן איבערצולאָזן אַ קאָפּיע פון די כתבים.

צייטונגען און זשורנאַלן פון אלע פראָווינץ-שטעט, ווערן געבעטן איבערצודרוקן דעם אויפרוף.

Dr. A. A. Roback, Cambridge
HARVARD COLLEGE
SEP 5 1934
LIBRARY


# LEED

**Quarterly**
**Publication for Poetry**
**Edited by**
**Iambus**

**2710 Winter Street**
**Los Angeles, Calif.**

**Vol. II—No. 2 August 1934**

פערטליאָריקע שריפט
פאַר ליד און איבער ליד

# ליד

יחזקאל א. מ. בראָנשטיין
רעדאַקטאָר

צווייטער יאָרגאַנג, נומער 2. לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ. אויגוסט, 1934


שלום שטערן

## ערשטע נאַכט *)

שטיל.
אַלע שלאָפן.
אַלע וועגן וויים און אָפן..
און פריד און טרייסט
קומט פון דער וואַלדיקער-ווייט.

גלעט משה דאָס ווייסע ליילאַך
און אויף דער פלאַך,
פון זיין ביינערדיקער האַנט,
גלעט זיך דער פיין פון זיינע קינדערישע יאָרן.
און עס רירט די שטיל אַ מורמלעריי פון זיין צע־
בראָכן געמיט:
מאַמע, פאַרלאָזן און אליין ווי דאָס זאַמד אויפן
שליאַך.
ווי דאָס מאָכיקע גראָז אויף אַ שטרויענעם דאַך.
וואָר זיינען געוואָרן דיינע רייד —

דערהערט איזי דער באָרבער,
שאָטנט ער צו אים צו, מיט אַ קאָלדרע אין האַנט.
און ווייך און איינגעמענדיק רואיק זיין קול:
נאַ דיר די קאָלדרע און דעק זיך איין,
אינמיטן נאַכט וועט קאַלט זיין.
און איצט, מאַך די אויגן צו,
קומען וועט צו דיר די היילנדיקע — רו.
ווערט משהן אזוי גרינג פון די איבערגעגעבענע רייד,
גלייך ווי די מאַמע זאָל רעדן און איינדעקן מיט
איר ווינטער קלייד.

מאַכט ער די אויגן צו,
און עס פאַרוויגט אין דרימלענדיקער־רו:
דער שאָרך פון זאַנג.
פון וואַסערן דער פאַל.
פון ווייטן אַ פאַרבלאָנדזשעטער שאַל.
און ער איז נישט איינער,
ער ווערט ליכטיקער און ריינער —

דערנאָך — ווען משה האָט שוין אין חלום,
ליכטיק, קינדעריש געשמייכלט:
צו דער מאַמען וואָס איז אים אַ קעגנגעלאָפן.
צום ברודערל וואָס ער האָט אינדערהיים געטראָפן.
האָט איזי אים איינגעטוליעט, אַ גלעט געטאָן,
און צו זיין בעט צוריקגעשאָטנט.

*) די ערשטע דריי לידער געהערן צו מיין סעריע:
„סאַנאַטאָריע".

## אין לאַנד פון טויט

א

אַ קראָ קאַרקעט אויף אַ שטיין.
עמיצער גייט אין וואלד אליין.
און עס פאַלט דער שניי אויפן דאַך.
און עס פאלט דער שניי אויפן שליאַך.
און ליכטיק טוט לבנה שטומען —

ב

איז נישטאָ ווער עס זאָל דעם לעצטן קרעכץ
פארנעמען:
בלוט האָט אַ גאָס געטאָן אויף קאָלדרעס און פעלצן.
צו דער בלינדער ווייסקייט האָט עמיצער די הענט
אויסגעשטרעקט,
און גערופן דער מאַמעס נאָמען.
און שטיל — עס קילט זיך שוין דאָס בינטל ביינער,
די לעצטע פאַרע פרירט אויף זיינע ליפּן.
און קיינער האָט דעם לעצטן קרעכץ ניט פארנומען.

ג

דער פראָסט קאָוועט די וועגן.
אין דער ווייסער שטילקייט,
גליטשט זיך אומעטיק דער שוואַרצער שליטן.
און עס האַלט לבנה אין איין שפּינען
די מעשה פון ליכטיקן באַגינען,
אין לאַנד פון טויט, וואָס קיינער האָט נאָך נישט
געפונען...

ד

שאָטנט אויף אַלעמען די פארשעמטקייט.
עס גאָלדיקט שוין דער מאָרגנשטערן,
באַלד וועט טאָג ווערן:
און פול מיט שרעק און ציטער,
קומען וועט צום ווייסן בעט אַ צווייטער,
ביז אַ שעה וועט באַרוען;
און אַוועק וועט ער, אין לאַנד פון טויט,
וואָס קיינער האָט נאָך נישט געפונען...

ה

אַ קראָ קראַקעט אויף אַ שטיין.
עמיצער גייט אין וואלד אליין.

## באַטייליקטע

נחום באָמזע
זישע באַגיש
פינטשע בערמאַן
יחזקאל א. מ. בראָנשטיין (יאמב)
שפרה ווייס
אלטער עסעלין
שלום שטערן

**אַלטער עסעלין**

## לידער מיינע

לידער מיינע,
קוילן שוואַרצע און גאַליק ביטערע, —
איך באַשווער אייך: זייט געטריי מיר.
די, וואָס לעבן ניט ווי איך —
זאָלט איר ניט דערגרייכן,
עס זאָל מיין צער ניט טיפער ווערן
און מיין שאַנד ניט גרעסער.

לידער מיינע,
טרייסטנדיקע און אַראַראַ-קלאָרע,
איך באַשווער אייך: זייט געטריי מיר,
דעם, וואָס פייניקט זיך ווי איך,
וואָס האָט שוין אַלץ פאַרלאָרן —
אָך, אים וועט שוין ניט גרייכן
דער טרייסט פון מיינע לידער...

## טריאָלעטן

דער וועג צו גאָט איז אָן באַגלייטער
און ווי אין זינק-זאַמד דינע טריט,
שפּור און ריכטונג — אַלץ פאַרוויט ער,
דער וועג צו גאָט איז אָן באַגלייטער:
ברוינער מדבר, ברייט צעשפּרייטער,
נאָר הויך און ווייט — אַאַזים-כשוף ציט
אין וועג צו גאָט, — איז אָן באגלייטער
און ווי אין זינק-זאַמד דינע טריט.

איך זאָג אייך שטריינג און זאָג אייך אָפן:
איך גלויב נאָך אַלץ אין וואָס איר לעסטערט.
איך, וואָס בין פון אייך אַנטלאָפן
זאָג אייך שטריינג און זאָג אייך אָפן:
איך האָט דעם אומגליק נאָר פאַרגרעסערט,
איך האָט אליין דעם וועג פאַרפעסטעט —
איך זאָג אייך שטריינג און זאָג אייך אָפן:
איך גלויב נאָך אַלץ אין וואָס איר לעסטערט.

## דער באַריער

סער אייזיק ניוטאָן און עמאַנועל קאַנט,
ווער האָט געלייגט דעם באַריער צווישן מיר און
אייך?
איך שטיי ווי פאַר אַ וואַנט בּאַ אייער קעניגרייך,
איך, דער ערן בירגער פון אַ וואונדער-לאַנד.

איך האָב אַ דימענטענעם שליסעלע געמאַכט,
מיט מיינע הענט האָב איך אים אויסגעשליפן,
ביז פון די פינגער האָט שוין בלוט גענומען טריפן—

אויפצושליסן די זון אין מיטן נאַכט.
איך גיי אמאָל אַדורך די ברייטע קאָרידאָרן
פון געטע, דאָסטאָיעווסקי און שעקספּיר,
איך וואונדער זיך ווי גרינג מיין שליסעלע עפנט
יעדע טיר.

הילפלאָז שטיי איך צעטומלט און פאַרלאָרן
בּאַ די טירן אייער — אַ זינגענדיקער שוואַן,
איך, פּאָעט, טיף-פילנדער פאַרשעמטער אָרימאַן.

## האַרבסט

ווייט, ווייטער פון דער לבנה,
טיפער פון דעם פאַרזונקענעם רעגן
איז אוועק דער פרילינג.
ער האָט אַלץ מיטגענומען.
איצט איז האַרבסט אין קילן קופער.
דאָס וועלקונג פון האַרבסט איז פול און טיף:
קאַלטער פייכטער הויך פון גערטענער נאָך רעגן
חלף'ט איבער בראָנזע פלאַכן און צוויטן,
בלייכער בורשטין גלימערט אויף די דינע בוימער—
פלעק אויף פלעק ווי פלאַצנדיקע זייפנבלאָזן.
פאַרטיליקט איז דער גלאַנץ פון גרינס,
פאַרשטומט זיינען די ברייטע וואַלד-מעלאָדיעס,
דער זיסער ריטם פון סימפאָנישע אינסעקטן,
טויט איז דער הייליקער אַנטהעם.
די געלע לבנה מעדעטירט אין הימל, —
ווי אומעטיק זי קוקט אין זילבערנעם וואסער.
דער טרויער שטראָמט אויף דער נאַקעטער ערד.
איינזאָם איז די נאַכט.
דו, — מיין נשמה.

## סאַן וויטוס — מיין שכן

שוין לאַנג אז עס דאַרף ניט קיין אָנלען-שטעקן
סאַן וויטוס, דער לאַמער שכן מיינער.
ער האָט ביסלאַכווייז זיך אויסגעלערנט
דעם פלינקסטן האָזנשפּרונג
און לאַכט פון געפאַרן,
אים אַרט ניט די וואָרנונג פון די פעלזנברעכער:
— „העי! אזויפיל גע'נזוק'טע!
צעשמעטערטע, פאַרגעסענע"...
ווער האָט עס אים די אויגן געעפנט
ער זאָל דערזען דעם צעבראָכענעם צעפּטער,
וואָס האָט אים יאָרנלאַנג געפייניקט מיט הכנעה.
איצט גרויסט ער זיך, דער שכן מיינער:
ער וועט שוין מער קיינעמס רענצעלאַך ניט טראָגן:
דעם אייגענעם פאַרטפעל וועט ער עפענען, —
דעם אוצר פון באַהאַלטענע דערפאַרונגען:
„גע'מום'טע פעכטן ניט מיט שווערדן",
„יעוונוכן שפּילן אויך אין ליבע",
איצט זינגט ער אָקס-מוטיקע מאָדע-לידער,
רעפריינען מיט טומלדיקע ווערטער.
און ווערטער זיינען ווערטלאָז און שיין,
שענער נאָך פון פרויען און בלומען —
זיי שיינען אפילו ווען מע שענדט זיי
אין טעפּעלאַך פון שמעלצענדיקן בליי,
און אז מע זעט זיי אויפן גלאַנציקן פּאַפּיר —
מיינט מען אז ס'איז טעקסט פון ברית חדשה,
איז כאָטש נעם און בינד עס אין פאָליאַנט,
קני זיך און וויין אויף דעם, און וויין מיט דעם.
נאָר דער איינזאַמער וואָס האָט פאַר גאָט געשוואָרן
צו וואַרטן אויף דעם הויך געפּרייזטן אויסלייז,
שווייגט —און שמייכלט אין זיין רייכן טרויער,
ווען ער זעט דעם לאָמען שכן מיינעם טאַנצן...



**...ישע באַגיש**

## אַ פרוי אין אָונטיקן שפּיגל...

...שטייט אין אָונטיקן שפּיגל אַ פרוי
...אָן שאַרפע קאַרבן שניידן זיך אין שטערן אריין.
...טייט אויף אַ פערלדיקע טרער אין שיין
...ן געשליפענעם שפּיגל-בלוי.

...קט זי: אויף איר פּנים ווערט גערונצלט די הויט,
...קוואַנדענער גלי לעשט זיך אין בליק —
...ייס זי: ס'האָבן אירע יאָרן פאַרבליט
...ים שפּינראָד אין פאַבריק.

...ינט זי אויף די האַנט, אַ באַריר איבער לייב,
...י ברוסטן—דאַר. די באַקן—איינגעפאַלן.
...ין בלוט אַנטדרימלט באַגער צו ווערן ווייב...
...ן אין אויג ברענען אויף שוואַרצע וואַלן.

...ילט זי די יאָרן, וואָס האָבן פאַרבליט
...ן זינגט אויף איר לעצטן שפּינראָד-ליד.

...ין אָונטיקן שפּיגל, שאַרלאַך רויט
...טערט אויף שווינדזיכט-טויט...

## שעפּסן-אויגן

...עפּסן אויגן זענען תמיד
...ילכע גוטע, מילדע.
...ן שעפּסן אויגן בליקט אַרויס
...ן שרעק, אַ ווילדע
...אַר בוינע און פאַר שעכטן.

...קענסט זיי נישט פון נעכטן...

...ין!
...ן ס'הויבט זיך אויף און פאַלט אַראָפּ
...געשריי
...ן שעפּסן העלזער צו דער שחיטה אויסגעצויגן,
...יליקט זיך שטיל אַ תפילה
...ן שעפּסן אויגן...

...ן, לייז אוים!
...ן ס'הייליקט זיך אַ ברכה אויפן שאַרף פונם חלף...

## שטעלט אויף צלמים...

...שטעלט אויף צלמים אויף די ראָגן,
...ן קניען וואַנדערער אין וועג.
...ן געבעט גייט אויף די לינדערונג פון פּלאָגן,
...ן געבעט גייט אויף די טונקעלקייט פון טעג.
...שטעלט אויף צלמים אויף די ראָגן,
...ן קניען וואַנדערער אין וועג.

וועלן גייער קומען און פאַרבייגיין,
מיט בלייכע, לעשנדיקע הענט
אונטערטראָגן קרענץ פון דעמער
דעם לעצט פאַרגייענדיקן בלענד.
וועלן גייער קומען און פאַרבייגיין,
מיט בלייכע, לעשנדיקע הענט...

## טויט אין שפּיטאָל...

צאַרט, ווי דער גלעט פון אַ מאַמע האַנט
און זאַנפט
ווי אַן אָוונט אין אַפּריל,
גייט אויף די זון איבערן שפּיטאָל —
אַ ליכט שפּיל פון בלוי און גאָלד.

פאַלט —
דורך אָפּגעהילטע שטאָרן
אַ בלוטיק געפלעקטער
זוניקער שטראַל
אויפן פּאַרקעט.

פון בעט צו בעט
שאַרן זיך שטיל,
אין לאַנגע, ווייסע שירצן,
בלאָנדע קראַנקנשוועסטער.
אויף רויטע ליפּן
ציטערט,
אַ ווינדיק בלויער שמייכל.
און אין די האָר
גייט אום
מיט לייכטע, שטילע טריט
דער טויט...

## אָונטיקע פינגער

אָונטיקע פינגער שפּילן
אויפן ווינט,
ווי צאַרטע, שלאַנקע פרויענהענט
אויף קלאַווישן.

אויף טונקעלן סאַמעט
פון מיינע פענצטער שטאָרן
פאַלט לבנה-שיין
ווי זילבערנער בראָקאַט
אויף טונקעלן געוועב.

ציטערן,
טונקעלע שעה'ן
און וועבן זיך
מיטן שיין
פון ווייסן שטערנליכט,
ריזלט אינם בלוט די שטים פון טויט...
— — — — — — — — — — — —

ס'דרימלט איצט אין בלוט
די שעה פון ליכט...

## אין זון

אין זון זאַלט איר רייפן, מיט אָנזאָג אויף זעט —
צו אייך, מיינע לידער — איז היינט מיין געבעט.—

די וועלט איז אַ תפיסה, די וועלט איז אַ שטאַל —
וואו מענטש ווערט פאַרשפּיגן פון „מענטשן" מיט
גאַל...

און דער וואָס איז חבר דיר נעכטן געווען,
איז בלינד צו דיין עלנט — ער וויל דיך ניט זען...
דו בלענדסט ווי אַ דימענט און ברענסט ווי אַ ליכט,
מיט צייכן פון אמת וואָס ווייטיקט מיט פליכט
צו דיר און דיין אמת — געבאָט פון דער שעה,
און מענטש אין דעם מענטשן — איז־דאָ און־ניטאָ...

אין זון זאַלט איר רייפן, מיט אָנזאָג אויף זעט —
צו אייך, מיינע לידער — איז היינט מיין געבעט. —

אויף די ראגן וויינט דער עלנט,
אויף די ראגן גאַל'ט די נויט:
— גיב אַ פּעני, גיב אַ ניקל —
בעט דאָס לעבן, מאָנט אויף ברויט.

אין די וויגן וויינען קינדער,
בא די וויגן — קלאָגט די נויט:
— ס'איז דאָס לעבן לאַסט און אומגליק;
טויט דעם לעבן — לויב דעם טויט!..

קום, דערלייזער פון די ליידן —
קום באַפריי פון אומגליק — נויט;
דער וואָס וויל און קען ניט לעבן,
דער זאַל רוען אונטער פלויט!..

## סוף זומער

דער זומער האָט פארבלייכט בא אַ יונגען עלטער,
דער זומער וואָס רייצט באַם אויפשטייג פון
הערבסט —
האָבן טעג זיך געבלאַנקעט אויף שיכורע פיס
מיט ליבשאַפט, באַם אָפּגאַנג פון רייף געוואָרענעם
לעבן;
דער מערב האָט שרפות געצונדן באַם ראנד,
בענקשאַפטן פארזייט אין דעם הארץ פון דער
וועלט...

קאַנאַדער ווינטן פראַוועזן שמחות אויף די פריירים
און טראָגן זיך פארשייטע, איבער דאָרף און שטאָט;
דער הימל בייט האַסטיק אַצינד זיינע קליידער,
אין נערוועזן צוגרייט אויף אַ גרויסן קארניוואל —
און אָטעמט מיט משורות פון אומבאַקאַנטע וועלטן,
וואָס לייגן זיך ווי בליי אויף דעם געמיט פון
מענטשן...

דער זומער גייט אויס מיט אַ געוויין פון בלעטער,
וואָס טוליען מיט אַ ציטער צו דער ערד זיך איצט...
דער טייך ווערט ערנסט, ווי דאָס פנים פון אַ
מענטשן —
קנייטשט־אויף זיינע טיפן אין אַ ווייטן פארמעסט,
וואָס טראָגט זיך ארויף־און־אַריבער די אייגענע
ראנדן, וואָס בלייבן פאר'יתום'ט באַם אָנקום פון
הערבסט.

## אינדיאַנער זומער

געל און רויטע בלעטער
קושן איצט דיין טראָט;
צווישן בוים און מענטשן
גייט ארום דיין גאָט...

ס'איז דער הימל לויטער
און די זון — זי שיינט;
זיינען טעג געשענקטע —
לעבסטו מיט דעם היינט...

ס'איז די ערד אַ זאַטע
און די לופט איז ריין;
דאָס לעבן בענטשט און פירט דיך
בא דער האַנט אליין...

דו טראָגסט זיך מיט די בלעטער,
אָן אַ ציל — אזוי;
באַוואונדערסט שטיל דעם וועטער
און דעם הימל־בלוי...

סעפּטעמבער־גאָלד צעשיט זיך
איבער שטאָט און פעלד;
אינדיאַנער זומער
איז פון טאָג דער העלד!

בליט דער העלד מיט אָנזאָג,
און דער מערב גלאַנצט;
קומט דער ווינט פון פריירים,
ווירבלט זיך און טאַנצט

ארײַן מיט אימפּעט
פון דעם דאָרף אין שטאָט:
— ווינטער זאָל איצט ווערן —
איז דער ווינט־געבאָט!

פוצן זיך די שויבן,
מיט פראָסט און מיט וואלד;
קלאָגן זיך די זקנים:
— ווינטער קומט; ס'איז קאַלט...

...עס גליווערט דער הימל
מיט האַרבסטיקן חן;
אַ כלה גייט צו חופּה
מיט פרייד און געוויין...

עס יאָמערן בלעטער
אַוועק אין געטאַנץ;
אינדיאַנער זומער
טוט זיך אָן אַ קראַנץ

פון צונטער־רויטע בלעטער
אין זון און אין ווינט,
וואָס בייט זיך מיט דעם וועטער,
ווי קאַפּריז פון קינד —

און טאַנצט־אויף אומגעריכט
מיט דעם ערשטן שניי,
וואָס קומט מיט דעם אוונט
מיט רייץ און געדריי —

און רייסט אויף די אויגן
פון יונג און פון אַלט:
דער ווינטער איז געקומען
און ער גריסט זיך קאַלט...

יוסף און פייגעלע פאניץ

מר. און מרס. ב. סאפּקין

ב. ווינער

לאפין

א. ליבערמאַן

דיקשטיין

אַ פריינט

ה. באָרענשטיין

אַ חבר

פיליפּס סטודיאָ

**באַגריסן די דערשיינונג פון „ליד"**

The Pacific Press, 2604 Brooklyn Ave. Los Angeles, California

פרייז 25 סענט